493436

CENZURAT.

BINEVESTITORUL

# המבשר טוב

א בלאט וועגן רעליגיאָן און מאראל.

„מה נאוו על ההרים רגלי מבשר משמיע שלום, מבשר טוב ומשמיע ישועה...
(ישעיה נ״ב, 7).

ולכו אל-כל-העולם וקראו את הבשורה לכל-הבריאה...
(ברית החדשה: מרק ט״ז 16).

ווי ליבליך זענען אויף די בערג די פוס פון די מבשרים, וואס גיבן צו הערן וועגן שלום, פרעדיגן גוטס, גיבן צו הערן די ישועה...״
(ישעיה נ״ב 7).

„געהט אין דער גאנצער וועלט און זאגט די בשורה אללע קרעה אטור...״
(ברית החדשה: מרק ט״ז 16).

No. 3—4. 1927. קישינעוו.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

## איינהאלט:

1. א ווארט וועגן הבמה—ל. א.

2. * * * שיר — — —ל. א.

3. דאס קליינע בערגעל—מ. ריכטער

4. פילאזאף דענארט

5. די עביגע פראבלעם—ח. איינשפראך

6. ישראל'ס אויפגאבע—ד״ר מ. גרען

7. די לערע פון ישוע הנצרי.

# א ווארט וועגן חכמה.

מיר לעבן אין א וועלט, וועלכע מ'רופט קלוגע וועלט, מאדערנע וועלט פון 20־טען יאהרהונדערט. פיל, פיל רעדען פון חכמה און פיל דענקען וועגן זיך, אז זיי זענען חכמים. הערט אייך נאר צו ווי ס'רעדט א יונגער מאן, אבער א גימנאזיסט. זיין אפלאמב, דאס ארויסזאגן פון זיינע מיינונגען און אנזיכטען אויף פארשידענע לעבענס־זאכן. אלעס, אלעס זאגט עדות, אז ער איז די מיינונג פון זיך ווי פון א גרויסן חכם. הערט אייך צו ווי ס'רעדט א ווערטעל־זאגער. ער נעמט צוזאמען ריידליך ווי ס'נאר איז: אין שול, אויף דער גאס, אין א געשעפט. ער דערצעהלט פארשידענע מעשות און ווען ער איז נאך, ווי מ'זאגט „א עדלער מענש" און קען אביסל לערנען, פארפוצט ער זיינע מעשות מיט א ווארט פון די כתבי קודש אבער פון דער גמרא. אבער מיט א ווערטעל פון א רב'ן. די צוהערערס זענען זייער צופרידן. מ'זאגט אויף איהם, אז ער איז א חכם, אבער א תלמיד חכם. און ער אליין מיינט טאקע באמת אז ס'איז אזוי און איז בעזונדערס צופרידן מיט זיך. ווער ס'קען אנשרייבן א פאר שירות דער מיינט, אז ער איז שוין א פאעט פון די גרעסטע פאעטן. ווער ס'קען גיבן א דריי ביים עלעקטרישן ליכט און האט אביסל וועגן דעם געלערנט מיינט שוין, אז ער איז א גרויסער טעכניק וכדומה. אונזער אויפגעבלאזענע וועלט איז פול מיט אזא מין חכמים. זיי דענקען, אז זיי קענען שוין אלע געזעצען פון דער נאטור און אז זיי זענען בעקאנט מיט יעדער ווינקעלע אויף דער ערד און אלע פראגן פון קאסמאס, פון דער בריאה, זענען בא זיי פארטיג געלייזט און פארענפערט. דער פאר זאגן זיי, אז זיי קענען ניט גלויבן אין גאט און א זעלכע זאכן, וואס זענען איבערנאטורליך, קענען זיי זיך ניט פארשטעלן, ווייל בא זיי איז אלעס אפגערעכנט, אפגעמאסטען, אפגעצעהלט, ווי די 5 פינגער אויף זייער האנד.

זעלבסט פארשטענדליך, אז ווער ס'איז בעקאנט לכל הפחות מיט וויסענשאפט און האט געלעזן ליטעראטור פון גרויסע חכמים, נאטורפארשער, דער ווייסט אז די, וועלכע זענען באמת חכמים, וועלכע האבן עפיס ערפונדן אין דער וויסענשאפטליכער וועלט, אין דער נאטור, האבן געזאגט וועגן זיך: „מיר וויסען, אז מיר ווייסען גאר ניט".

ווי ס'וואזט זיך ארויס, דאס רב פון די גרעסטע חכמים, פילאזאפן, נאטורפארשער זענען געוועהן מאמינים אין גאט. זייער וויסענשאפט האט זיי געבראכט צו דער סבה כל הסבות, צו דעם בורא שמים וארץ, ווי ס'איז געזאגט אויף דעם ערשטן בלעטל פון דעם חומש: „בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ".

„ראשית חכמה יראת יהוה"—„דער אנהויב פון חכמה איז גאטס־פארכט". ווען א מענש רעכנט מיט גאט, ווען ער האט דעת אלהים קען ער שעפען די חכמה אין ריינעם זינען פון דעם ווארט. ער וועט קומען צו דעם ענטשלוס: „די פארכט פאר דעם האר דאס איז חכמה און אוועקצוקערן זיך פון דעם שלעכטן—דאס איז פארשטענדיגקייט". (איוב, כ"ח 28) ס'איז א גרויסער חלוק צווישן מענשליכער און געטליכער חכמה. א תלמיד פון ישוע הנצרי מאכט א פאראלעל און ערקלערט דאס: „ווער ס'איז צווישן אייך א חכם, און א פארשטענדיגער מאן, דער זאל בעווייזען זיין גוטן פיהרונג מיט זיינע מעשים מיט דעמוטיגער חכמה. ווען איהר האט אבער ביטערע קנאה און מהלוקת אין איירן הערצן, אזוי בארימט אייך ניט און לייקענט ניט דעם אמת, דאס איז ניט די חכמה וועלכע קומט פון אויבן אראפ, נאר א ערדישע, מענשליכע שטנ'שע (טייוועלשע)... די חכמה פון אויבען אבער איז, צום ערשטען ריינקייט (צנעות), דערנאך—שלום, נאכגעבען, לאזט זיך גיך גלאכן, פול מיט דערבארמונג און גוטע פרוכט, אונפארטייעש, אהן הניפה..." (ברית החדשה יעקב ג'). „ההכמה היורדת מעל טהורה היא, פיה תפתח לשלום ובעניה דבריה נוהה היא להתרצות מלאה רחמים ופריה טוב, אין עמה משא פנים ואין הנפה בה".

די אמת'דיגע חכמה איז ניט זיכטבאר צו געפינען אויף די שטראסן און ניט צו קויפן ביי

BCU Cluj / Central University Library Cluj

די קרעמירס פון שטודיום אויך ניט געקליידעט מיט פרונקענדע פראכטפולע קליידער, ניט אויפגעבלאזן. „בא זדון ויבא קלון ואת צניעים חכמה״,— „ווען דער מוטוויליגר קומט אזוי קומט שאנד, אבער מיט די דעמוטיגע איז הכמה״. (משלי, י״א).

נאר פון וואנעט און ווי איז די הכמה? „והחכמה מאין תמצא ואי זה מקום בנה״? ווען מיר וויסן ניט דעם וועג צו איהר, גאט ווייסט „אלהים הבין דרכה והוא ידע את מקומה״ און וויזט אונז דעם ריכטיגען וועג צו איהר. לעזט אויפמערקזאם: משלי ה׳ 22-31. דיזע הכמה פון עבינקייט האט ער פארקערפערט אין דעם משיח, וועלכער איז געבוירן אין בית-להם און זיין אויסגאנג איז נאך איידער די וועלט איז באשאפן געווארן „ומצאתיו מקדם מימי עולם״ (מיכה ה׳ און פון וועלכן ס׳איז געזאגט (ישעיה י״א), אז אויף איהם וועט רוהען דער רוח הקודש, דער רוח פון חכמה און פערשטאנד,—„רוח חכמה ובינה״. אין ישוע המשיח זענען פארבארגען אלע אוצרות פון הכמה און וויסנשאפט,—„בו צפונים כל אוצרות החכמה והדעת״ (ברית החדשה, אל הקולסים, ב׳). ווער ס׳האט איהם אין הארצן מיט אמונה אויפגענעמען, דער האט די אמת׳דיגע הכמה און וויסנשאפט פון גאט און דעם בעסטן אוצר, ווי ס׳איז געזאגט: „והיה אמונת עתיך הסן ישועת הכמת ודעת יראת יהוה היא אוצרו״ (ישע׳ ל״ג).

ל. א.

* * *

איך בליק צו דעם בארג אין מיין גייסט:
פון וואנעט קומט הילפע, פון וואנעט קומט טרייסט?
גלגלת, דעם בארג זעה איך דארט פון דער ווייט,
די גאולה פאר יעדען איז דארט פארבערייט.
א, קום, זעה און גלויב.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

באמערק נאר דעם מאן, וואס הייננט דארט,
א, הער נאר זיין שטימע, א, הער נאר זייןווארט:
„פארגיב מיינע שונאים, א, פאטער, די זינד,
זיי טהון אהן צו וויסען, זיי זענען דאך בלינד״.
א, קום, זעה און גלויב.

א, פאטער, מיין גייסט איך דיר גיב!״
פולבראכט האט ער אלעס, דאס טהוט ער אויס ליבי
פאר זינדער געשטארבען, געעפינט די טהיר
די זינד צו פארניכטען אין מיר אויך אין דיר.
א, קום, זעה און גלויב.

איז דיר דיזער מאנן שוין בעקאנט?
אויב דיר איז גלגלת, א, גאר פרעמד נאך ביז היינט?
א, ברידער, א, שוועסטער, שטיי ניט מעהר פון ווייט
דערקענען ישוע׳ן איז לאנג, לאנג שוין צייט.
א, קום, זעה און גלויב.

פון איהם האט גאט׳סווארט לאנג געזאגט,
אז ער וועט פיל ליידען און ווערען געפּ׳אגט
און דורך זיינע ווינדען, בראכט ער אונז דאס הייל,
דאס עביגע לעבען איז יעצט אונזער טייל.
א, קום, זעה און גלויב.

בעקער דיך צו גאט פון דער זינד,
א, גלויב אין ישוע, דעם גואל אצינד.
גענוג שוין צו מאכען דאס הערץ אזוי הארט,
ווען פרידען און גליק אזוי לאנג אויף דיר ווארט.
א, קום, זעה און גלויב.

ל. א.

# דאס קליינע בערגעל.

אלע הויכע בערג פון דער וועלט האבען זיך א מאל געקריגט צווישן זיך. זיי האבען זיך דערוויסט אז דער רבונו של עולם וויל זיך אויפבויען א אייגענע דירה און זוכט א פלאץ ווי ער זאל זיין דירה בויען. יעדער הויכער בארג פון דער וועלט איז געקימען מיט זיין פארשלאג צו גאט'ס מלאכים, כדי אויף זיין שפיץ זאל געבויעט ווערען די דירה.

— איך בין דער העכסטער בארג אין דער וועלט — האט געטענ'עט דער גימאלאי פון הינדיען צו די מלאכים — מיין שפיץ איז אזוי הויך, אז קיין מענש קען צו איהם ניט גרויכען, דערפאר בין איך ווערט, אז גאטס דירה זאל אויף מיר געבויעט ווערען.

אבער גאטס מלאכים האבען דעם בארג געענפערט: ווייל די ביזט טאקי אזוי הויך און שטאלץ, אז קיין מענש קען צו דיר ניט ארויפקומען, דערפאר ביזט דו ניט ווערט, אז גאט'ס דירה זאל אויף דיר געבויעט ווערען.

— דאס בעסטע פלאץ פאר זיין דירה — האט געשריגען דער אוראל צו די מלאכים — קען גאט געפינען ביי מיר, חייל ביי מיר איז דא אין דער טיפעניש א סך גאלד און זילבער.

— גאלד און זילבער — האבען געענפערט די מלאכים — דאס איז דער ממון-גאט. דער אידישער גאט וועט מיט אייער גאט ניט קענען אויסקומען, ווייל איינער האט פיינט דעם אנדערן, דער אידישער גאט איז א אל-קנא, ער וועט ניט קענען ליידען, ווען ער וועט זעהן, אז מענשען אין דעם שוויים פון זייער פנים ביקען זיך אין דער טיפעניש פון די אוראל בערג אויסצוגראבען א שטיקעל גאלד אדער זילבער.

— אבער איך האב ניט קיין הסרונות — האט זיך געגיבען א שטעל דער בארג אררט—מיין שפיץ איז ווערט אז ער זאל זיין ווענען גאטס דירה.

— אויף דיר — האבען געזאגט די מלאכים צום אררט — האט א מאל נח דעם ערשטען כוס יין אויסגעטרינקען, און פון דיר ציעט זיך דער אלקאהאל און האט פארארימט א גאנצע מענשהייט אין זייער גייסט; דיין אלקאהאל איז איינער פון גרעסטע גאט'ס שונאים, וועלכע שטערן דעם מענשען קומען צו גאט.

— גאט'ס דירה זאל מען אויף מיר בויען — האט ארויסגעשפרונגען מיט א געשריי דער מאנבלאן — ווייל מיין שפיץ איז א הויכער און ווייסער, ער איז א גאנץ יאהר באדעקט מיט שניי. גאט אליין אפילו, ווען ער וויל וויזען א ביישפיל פון ריינהייט, נעמט ער דעם ביישפיל פון מיין שניי, ער זאגט צו די מענשען: „איהר וועט זיין ווייס ווי שניי" און ווי באלד אז איך בין באדעקט תמיד מיט שניי, הייסט עס אז איך בין דער פיינסטער בארג.

— אויף דיר קען מען ניט בויען גאטס דירה, — האבען ערקלערט די מלאכים דעם מאנבלאן, — ווייל דו ביזט א זעהר שווארצער בארג. פון אויבען ביזט דו באדעקט מיט שניי, אבער אינווייניג ביזטו שווארץ; ביזט באדעקט מיט עביגען שניי, ס'הערשט אבער אויף דיר די עביגע קעלט.

א סך בערג זענען נאך געקומען צו די מלאכים און יעדער פון זיי האט אויסגערעכענט זיינע מעלות און האט זיך געהאלטען פאר דעם פיינסטען, יעדער פון זיי האט פארגעלעגט פלאץ פאר גאט'ס דירה.

צווישען אלע בערג איז געווען א קליין בערגעל, וועלכעס האט זיך ניט דערוועגט צו שטיפען צווישן אלע הויכע, שטאלצע בערג. דאס בערגעל האט ניט געפינען אין זיך קיין שום מעלות, ס'האט זיך געפילט נידריגער פון אלע בערג. גאטס מלאכים אבער, האבען דערזעהן אין דעם בערגעל א גרויסע מעלה, דאס איז געווען זיין זאנפטמוטיגקייט (ענוה), און איהם האבן זיי אויסגעקלאבען צו בויען גאטס דירה.

עס איז געווען דער הר מריה. (בראש: כב׳.)

מ. ריכטער.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

* * *

עב. דענגערט — א באטאניק און ד"ר פילאזאפיע אין זיין בוך „די רעליגיאזע איבערצייגונג דער נאטורפארשער" שטעלט ארויס די צאהל און די ציפרען פון די גרעסטע געלערנטע פון דער וויסענשאפטס-וועלט. נאך דעם, אז דער מחבר האט דורכגעפארשט די בענעהמונג פון די געלערנסטע מענשען פון אללע צייטען, האט זיך ארויסגעוויזן פאלגענדענס: פון 300 וועלכע רעפרעזענטירן די וויסענשאפט זעלבסט, האט ער פון 38 קיינע דאקומענטן באקומען וועגן זייערע שטעלונג צו עניני אמונה. פון די איבריגע 262 קאריפעען דער נאטורפארשער מיט די נעמען פון ניוטאן, קאפערניק, פאסטער א. ד. גל. געשעצטע גדולי החכמים, זענען 242 גלויביגע, 5 אטעיסטען (וואס גלויבן ניט אין גאט) און 15 אינדעפערענטנע (וואס אינטערעסירן זיך ניט).

# די עביגע פראבלעם.

## פון ח. איינשפראך.

(שלום).

לעזרו זעהט איהר ניט איין די גרויסע עולה וואס אונזר פאלק האט בעגאנגען, און בענעהט נאך עד היום, קעגן ישוע המשיה? דענקט איהר ניט, אז ס'איז שוין צייט, אז דער אורטייל פון דעם אידישן פאלק איבר ישוע המשיה זאל פערענדרט ווערן? מיר לעבן איצט איבר די צייט וואס מען קען אנרופן די איבערגאנגס-פעריאדע, און סוף כל סוף וועלן מיר ממילא קומן צו דעם בעשלוס, אז מיר האבן געמאכט א שרעקליכן טעות מיט דעם, וואס מיר זענען געשטאנען פון וויטן, דאמאלס ווען די גאנצע מענשהייט האט געזונגן יובל-געזאנגן צו ישראל'ס משיח. אין דער צייט ווען די גאנצע וועלט האט גענאסן בעפרידיגונג זענען מיר געזעסן פערשמאכט, די קעפ געבויגן, און האבן אונזערע הארפן אויפגעהאנגן אויף ווערבעס. פערשטומט איז געווען אונזער צונג, פערטריקנעט אונזערע ליפען, פער'חלש'ט אונזר הארץ... אבער דער טאג קומט אן, ווען אונזער פאלק וועט אויפוואכן פון זיין לעטארגישן שלאף, דאמאלס וועט ער מעהר ניט שעלטען דיזע, וואס האבן זיך מוסר נפש געווען פאר דעם אמת, נייערט צוזאמען מיט זיי וועלן זיי געהן פאראויס, אלס די אוואנגארדען פון א בעסערער צוקונפט. זייער לאזונגס-ווארט צו די פעלקער וועט זיין „קומט מיט אינז!" און די פעלקער וועלן ענטפערן „מיר וועלן געהן, ווייל מיר האבן געהערט דאס גאט איז מיט אייך". (זכריה ח. 23).

עס איז אמת, אונזר פאלק האט נאך ניט דערגרייכט צו דער מדרגה אין דער קונפטיגר געשיכטע ווען עס וועט זיין—דער מוסטער פאלק—דער ליכט טרעגער, און, אין דעם פולען זיננען פון דעם ווארט,—א „ברכה לכל משפחת האדמה", אבער, אין דעם וויטן עתיד דערזעהט זיך שוין די אויפגעהענדע זון, זי שטייגט העכער, אלץ העכר צום ליטערן הימעל, דורכדרינגענדיג מיט איהרע שטראהלן די דיקע וואלקענס, וועלכע פארהילן איהר ליכט.

ליכטיגער הויבט עס אן ווערן אויף דעם אידישן האריזאנט. די מורא'דיגע נאכט וועלכע האט אזוי לאנג געוועלטיגט איבער ישראל'ן ווייסט, אז איהר סוף איז נאהענט. די אינערליכע אונצופרידענהייט אין ישראל'ס לאגער, זענען קלארע סמנים, וועלכע בעשטעטיגן דיזן אמת. און תמיד, ווען דער איד קומט צו אזא פעריאד אין זיין געשיכטע, מוז ער דורכגעהן יענע נאכט פון ראנגלען, וועלכע יעקב אבינו האט געמוזט דורכגעהן. עס איז א נאכט—פון לעבן און טוידט,—זיין אדער ניט זיין...

לאמיר האפן, אז פון דעם קאמפף, וועט דער איד ארויס דער זיגער. און דאס גראדע ווי אויף דעם פאטריארך יעקב זאלן אויך מיר אומשטאנד זיין צו זאגן—„ויזרח לו השמש".

BCU Cluj / Central University Library Cluj

# ישראל'ס אויפגאבע.

## פון ד"ר. מ. גרען

פארטזעצונג.

עס זיינען אבער אוועק פילע יאהרהונדערטע איידער ישראל האט זיך אויסגעלערנט איינצווארדנען זיין לעבן לויט די פארשריפטן פון דער תורה. און זאגאר דאן האט ער אויך נור בעגריפן און האט שטרענג אבגעהיט בלויז די מינדערוויכטיגע צייט און ארט מצוות — אזעלכע מצוות וועלכע זיינען בלויז די אויסערליכע שאלעכץ פון דער תורה — און האט זיך ווייניג וואס געקימערט איבער די בעשטענדיגע און אלמענשליכע פרינציפן פון דער תורה — די מצוות וועלכע זיינען בעשטימט פאר אלע צייטן און פאר אלעמן — דאס אינערליכע קערענדל פון דער תורה.

אויב די ארט און וויזע ווי די פערשידענע דינים און מצוות זיינען צוזאמען געמישט אין דער תורה, (1) האט געמאכט שווער צו אונטערשיידן די וויכטיגע און בעשטענדיגע מצוות פון די ארטיגע און צייטמעסיגע דינים, (2) האבן די נביאים קיין שום ספק ניט געלאזן אין זייער דייטליכע ערקלעהרונג וואס ה' פערלאנגט פון ישראל.

„החפץ לה' בעלות וזבחים, כשמע בקול ה'? הנה שמע מזבח טוב, להקשיב מחלב אילים" (שמואל א' טו: כב). „פערלאנגט דען ה' עולות און זבחים אזוי גוט ווי דאס צוהערן זיך צו גאט'ס שטימע? געהארכזאמקייט איז בעסער ווי א קרבן, אויפמערקזאמקייט איז בעסער ווי שעפסן-פעט:

„עשה צדקה ומשפט נבחר לה' מזבח" (משלי כא: ג). — „צו טהון צדקה און משפט איז מעהר אנגענומען בא ה' ווי א קרבן".

„כי חסד חפצתי ולא זבח, ודעת אלהים מעלות" (הושע: ו). — „איך פערלאנג חסד און ניט א קרבן; צו קענען גאט איז בעסער ווי קרבן-עולות".

ויגל כמים משפט וצדקה כנחל איתן" (עמוס ה: כד). — „זאל משפט פליסן ווי וואסער „און צדקה ווי א מעכטיגער שטראם".

„הגיד לך אדם מה-טוב ומה ה' דורש ממך: כי אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם אלהיך" (מיכה: ו). — „ער האט דיר ער-

BCU Cluj / Central University Library Cluj

1) „אין מוקדם ומאוחר בתורה" (פסחים ו,ב), — („לא הקפידה תורה על סדר מוקדם ומאוחר", רש"י). די תורה איז ניט מקפיד אויף כראנאלאגישע ארדנונג אדער קלאסיפיקאציאן. די פערשידענע דינים און מצוות אין דער תורה זיינען ניט אויסגעשטעלט לויט א געוויסע סיסטעם, אזוי ווי עס פעהלט אויך אין דער תורה די פינקטליכע כראנאלאגישע ארדנונג אין די בעשרייבונג פון די פערשידענע היסטארישע פאסירונגן.

2) א גוטער ביישפיעל פון די ארט און וויזע ווי פרינציפן פון אייביגע און אל-מענשליכע וויכטיגקייט זיינען צוזאמען געמישט אין דער תורה מיט דינים און מצוות פון א לאקאלן אדער צייטמעסיגן כאראקטער, געפינט זיך אין ויקרא, יט.

צוזאמען מיט מצוות וועלכע זיינען פאר אלע צייטן און פאר אלע מענשן ווי כבוד אב (פסוק ג') נעגן געצן-דיענסט (ד'); נעגן גנבה און ליעגן זאגן (יא); נעגן גזלה (יג); נעגן אונרעכט משפט'ן (טו); נעגן רכילות טרייבן (טז); נעגן פיינדשאפט און נקמה (יח); צו ליבן דעם חבר ווי זיך זעלבסט (יח); צו בעטראכטן דעם „גר", דעם פרעמדן, דעם אויסלענדער, „כאזרח מכם", ווי אן אייגענעם א געבוירטיגן בירגער, און ליבן איהם ווי זיך זעלבסט (לג-לד); צו געברויכן ריכטיגע וואגשאל, ריכטיגע געוויכט, און ריכטיגע מאס (לה-לו); — צוזאמען מיט אזעלכע מצוות זיינען פערמישט צייטמעסיגע און לאקאלע דינים, ווי די צייט פון עסן א קרבן שלמים (ה-ח); דינים איבער כלאים און שעטנז (יט), און רעגלען ווי צו שערן די האר אדער פערפוצן די בארד (כז).

קלעהרט, א מענש, וואס גוט איז, און וואס ה׳ פארדערט פון דיר: צו טהון משפט, צו ליבן חסד און האלטן זיך מיט בעשיידענהייט, מיט צניעות, געגן גאט״.

בזאת יתהלל המתהלל: השכל וידע אותי; כי אני ה׳ עשה חסד, משפט וצדקה בארץ; כי באלה חפצתי נאם ה׳״ (ירמיה ט: כג).—„דער וואס וויל זיך בעריהמן מעג זיך בעריהמן דערמיט: דאס ער פערשטעהט און קען מיך; ווייל איך ה׳ טהו חסד, משפט און צדקה אויף דער ערד; ווייל דיזע זאכן פערלאנג איך, זאגט ה׳״.

די איינציגע פסוקים זיינען גענוג צו בעווייזן וואס די נביאים האבן בעטראכט אלס די וויכטיגע מצוות, אלס די ריכטיגע תורה. די נביאים ער-קלעהרן אבער און ווידער, אז דער הויפּט־אינהאלט פון דער תורה, דער רעכטער עיקר, בעשטעהט אין קענען גאט, אין צוהערן זיך צו איהם, און אין טהון משפט, צדקה און חסד אין אונזער אומגאנג איינר מיט׳ן אנדערן. די אלע איבריגע דינים און מצוות פון דער תורה, זיינען בלויז די אויסערע כלי, אזוי צו זאגן, אין וועלכע דיזע אייביגע פרינציפּן און װארהייטן זאלן זיך קענען האלטן. ס׳איז געװען ישראל׳ס ערהאבענע אויפ-גאבע און מיסיאן צו קולטיווירן, צו ענטוויקלען, דיזע פרינציפּן, צו פארברייטן זיי און מאכן זיי פערטיג, צום איבערגעבן אין דער גרויסער וועלט פון די פעלקער, פון די אומות העולם.

(שלום קימט).

# די לערע פון ישוע הנצרי.

(בר. החדשה, לוקאס י״ב).

און איינער פון די לייט האט צו איהם (ישוע) געזאגט, לעהרער, זאג צו מיין ברודער אז ער זאל די ירושה מיט מיר צוטהיילען. אבער ער האט צו איהם געזאגט: מענש, ווער האט מיך געזעצט פאר א שופט אדער א צוטהיילער צווישן אייך? און ער האט צו זיי געזאגט גיבט אכטונג און היט אייך פאר אלע גייציגקייט, ווארין דאס לע-בען פון א מענשען באשטעהט ניט אין זיין פיל פערמעגען. און ער האט זיי א משל גערעט און געזאגט: דאס לאנד פון א רייכן מאן האט פיל פרוכט געטראגען, און ער האט ביי זיך געטראכט און געזאגט, וואס זאל איך טהון, ווארין איך האב ניט ווי איך זאל מיינע פרוכט (תבואה) איינזאמ-לען? און ער האט געזאגט, דאס וועל איך טהון; איך וועל מיינע שפייכלער (מאגאזאנים) אפברע-כען און וועל גרעסערע בויען, און דארט וועל איך איינזאמלען אלע מיינע תבואות און מיין פער-מעגן; און איך וועל צו מיינע זעלע זאגען, דו האסט פיל פערמעגען אויפגעלעגט אויף פילע יאהרען; זיי רוהיג, עס, טרינק, און זיי פרעהליך. אבער גאט האט צו איהם געזאגט, דו, נאר, דיזע נאכט וועט מען דיינע זעלע פון דיר פארדערן; און וועמעס וועט דאן זיין וואס דו האסט אנגע-ברייט? אזוי איז מיט דעם, וואס זאמעלט זיך א אוצר, און איז ניט רייך אין גאט.

און ער האט צו זיינע תלמידים געזאגט, דרום זאג איך אייך, זארגט ניט פאר אייער לעבען, וואס איהר זאלט עסען, און ניט פאר דעם לייב, וואס איהר זאלט אנטהון. ווארין דאס לעבען איז מעהר ווי די שפייז, און דער לייב ווי דאס קלייד. בעטראכט די ראבען, ווארין זיי זייען ניט און שניידען ניט, און האבען ניט קיינע קאמערן און קיינע שפייכלער, און גאט שפּייזט זיי; ווי פיל מעהר זענט איר ווערט ווי דיא פייגעל? און וועלכער פון אייך קען דורך זארגען איין אייל צוזעצען צו זיינע הייך? דרום ווען איהר קענט ניט טהון אויך דאס ווייניגסטע, פארוואס זארגט איהר פאר דעם איבריגען?

בעטראכט די רויזען ווי זיי וואקסען; זיי ארבייטן ניט און זיי שפינען ניט; אבער איך זאג אייך, אז אויך שלמה אין זיינע גאנצע הערליכ-קייט איז ניט געקלייד געווארן ווי איינס פון דיזע.

## האלהים הוא האהבה — גאט איז די ליבע

# The Mildmay Mission to the Jews.

# אין זאאל „ביתאל", קישינעוו

(str. Wl. Herț 10)—26 מיעסטשאנסקאיא

## דרשות און געזאנג וועגן גאט'ס ליבע

יעדן שבת 4 א זייגער און 6 א זייגער אבענד,

יעדן דינסטאג 8 אזייגער אבענד.

די דרשות ווערן אויך אילוסטרירט מיט ליכט־בילדער.

געזאנג מיט אקקאמפאנימענט פוסגארמאניום און אנדערע אינסטרומענטן.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

## איינגאנג פריי פאר יעדן.

אין זאאל „ביתאל" איז אויך צו בעקומען חמשים תנ"כ, און אנדערע רעליגיעזע ביכער אויף זשארגאן, לשון־קודש, רוסיש, ראמייניש.

---

אבאנאמענט פרייז: — יאהרליך 12 לעי, 6 חדשים 6 לעי.

אלע אבאנענטן ערהאלטן די „ציונ'ס־לידער" אומזיסט.

פיר אנדערע שטייט מיט 1 לעי מעהר.

**Adresa: Redacția „Binevestitorul" Expedit. N. Tarlev.**
**str. Wl. Herț 10. Chișinău—Basarabia.**

---

Redacția și Administrația: Mision. Englez. „Mildmay", L. Awerbuch